RealAudio

# שלום אַש

## אַ שטילער גאָרטן

### דערציילונג

ווען דער קליינער שמעון איז געשטאָרבן האָבן זיַינע צוויי זין, – נאָטע און אַנשל – געשוואָרן ביַים קבֿר, אַז זיי וועלן דער מאַמע ניט פֿאַרגעסן, און זיי וועלן תּמיד אין פֿאָטער געדענקן אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן לעבן.

– דו זאָרג דיך ניט, טאַטע, האָט דער עלטערער נאָטע אַריַינגעשריִען אין קבֿר אַריַין, ״ווי וויל מייק אַריינדזשמענטס פֿאַר דער מאַמען״ –

די שווערין, נאָטעס וויַיב, האָט דאָס דערהערט איז זי געוואָרן מער דרייסט צום טויטן ווי זי איז געווען ביז איצט, און זי האָט דערפֿאַר פֿון שווער פֿאַרלאַנגט:

– איר זאָלט זיך לויפֿן און מיִען פֿאַר מיַין איינציק קינד, איַיער אייניקל.

נאָר זי האָט נאָך ניט געדויזשעט אויסצורעדן דעם גאַנצן שפּרוך האָט איר שוין פֿאַרכאַפּט די צווייטע שווערין, אַנשלס וויַיב.

– וואָס עפּעס פֿאַר איר איינציק קינד אַליין? - פֿאַר אַלע זיַינע קינדער, פֿאַר אַלע זיַינע אייניקלעך זאָל ער זיַין אַ מליץ יושר.

– און ניט נאָר בלויז פֿאַר זײַנע קינדער אַליין, נאָר פֿרעמדע קינדער אויך – פֿאַר די גאַנצע וועלט, פֿאַר אַלע יונגע לײַט, וואָס וועלן באַדאַרפֿן איצט אין פֿײַער גיין. אוי, אוי, אַז מען זאָל זיי פֿאַרזען, אַז די קויל זאָל זיי מײַדן–איז אַ פֿרעמדע ייִדענע, וועלכע האָט זיך פּונקט געפֿונען אויפֿן גוטן אָרט – צוגעקומען צום אָפֿענעם קבֿר און אַרײַנגעשריִען, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט באַנוצן מיט דער אומזיסטיקע געלעגנהייט, וואָס דער קליינער שמעון פּאַקט זיך אויף יענער וועלט, מיט אים אַ תּפֿילהלע מיטצוגעבן צו די איריקע...

איך ווייס ניט, אויב דער קליינער שמעון וועט ריכטיק אויספֿירן די שליחות וואָס די לעבעדיקע האָבן אים בײַם לעצטן אָפּשײַד פֿון זיי מיטגעגעבן. נאָר געהערט די שליחות האָט ער געוויס. וואָרעם אַז דער קליינער שמעון האָט דערהערט די ווערטער פֿון עלטסטן זון: טאַטע, זאָרג דיך ניט, „ווי וויל מייק אַריינדזשמענטס פֿאַר דער מאַמען,” האָט אַ לײַכטער שמייכל אַ שוועב געטאָן אויף זײַנע בלייכע געשטאָרבענע ליפּן, און די גרויע שטײַפֿע האָר פֿון די וואָנצעס האָבן זיך באַוויגן – און אַזוי מיט דעם שמייכל איז ער אַרײַן אין גרוב אַרײַן. וואָרעם דער קליינער שמעון האָט זיך געמוזט דערמאָנען אין די אָפּטע פֿאַרשפּרעכונגען פֿון זײַן זון, וועלכער איז געווען "גוט אָפּ":

– טאַטע, זאָרג זיך ניט, ווי וויל מייק אַריינדזשמענטס.

געבראַכט האָט דער קליינער שמעון פֿון זײַן קליין שטעטל אין פּוילן קיין אַמעריקע זײַן שער מיט די אויסגעדאַרטע הענט, זײַן שמייכל אויפֿן פּנים, זײַן ווײַב נעכע, אַן אויסגעדאַרטע געטרײַע חבֿרטע, זײַנע צוויי יונגן, אַנשל און נאָטע, און אַוועקגעשטעלט זיך אַרבעטן. שטענדיק געאַרבעט. האָט ער ניט געהאַט וואָס צו אַרבעטן, איז ער טרויעריק געווען, איז אים לאַנגווײַליק געווען – האָט ער זיך געהאַלטן פֿאַר אַ איבריקן. שבתים און יום-טובֿים זײַנען דורכגעגאַנגען אים אין לאַנגווײַליקייט און בענקעניש נאָך דער אַרבעט, אַזוי ווי די שער און די נאָדל זענען געוואָרן אַ טייל פֿון זײַן קערפּער און ווען ער האָט זיי ניט געהאַט, האָט אים עפּעס געפֿעלט און אָן זיי האָט ער ניט געקענט לעבן.

אין דער וואָכנס בײַ דער אַרבעט האָט ער געבענקט נאָך שבת. אַז דער שבת זאָל קומען – וועט ער זיך אויסרוען. נאָר קוים איז דער

שבת געקומען און דער קליינער שמעון האָט זיך גוט אויסגעשלאָפֿן האָט ער זיך שוין אַרומגעדרייט פֿאַר לאַנגווײַליקייט און ניט געהאַט וואָס מיט זיך צו טאָן. קיין באַקאַנטע, קיין פֿרײַנט האָט ער ניט געהאַט. ער האָט געקוקט אין הימל אַרײַן, געזוכט אַ שטערן.

–וואָס קוקסטו, וואָס אײַלסטו דיך אַזוי? – האָט נעכע געפֿרעגט.

– עס ווילט זיך שוין צוריקגיין צו דער אַרבעט. אַ צו לאַנגער שבת.

אַזוי האָט דער קליינער שמעון אָפּגעלעבט זײַן לעבן. די קינדער זײַנע זענען פֿרי אַוועק פֿון הויז, געזאָרגט פֿאַר זיך אַליין, איבערגעבליבן אַליין מיט נעכען – אַ געטרײַע אויסגעהאָרעוועטע ייִדענע. אין די אָוונטן, סײַ זומער און סײַ ווינטער זענען זיי ביידע אָפּגעזעסן אין די "קיטשן". דער פּאַרלער איז געווען שיין אויפֿגערוימט, און באַדעקט מיט פּיקטשורס, אָבער קיינער האָט אים ניט געזען בײַ טאָג, אין אים איז מען נאָר געשלאָפֿן. געוווינט האָט מען אין קיטשן בײַם קיכל – געזעסן און געשוויגן, טייל מאָל האָט מען זיך דערמאָנט אָן אַ באַקאַנטן פֿון דער היים פֿון קליינעם שטעטל.

– דו געדענקסט דעם לאַנגן שמואל פֿון דער היים? האָט דער קליינער ייִד פּלוצלינג געפֿרעגט זײַן ווײַב.

– דעם, וואָס די טאָכטער איז אַוועק מיט אַ סאָלדאַט?

– יאָ.

וואָס האָסטו זיך עפּעס דערמאָנט אָן לאַנגן שמואל?

– גלאַט אַזוי.

אָדער מען האָט זיך דערמאָנט אָן אַ געסל פֿון שטאָט:

– דו געדענקסט דאָס אונטער-געסל אין דער היים?

– ווו די מומע ברכה האָט געוווינט?

– יאָ, דאָרט ווו דאָס קליינע פּלומפּל איז געשטאַנען און שבת נאָכמיטאָג איז מען געגאַנגען מיט דער שעפּ שעפּן פֿריש וואַסער.

– יאָ, וואָס האָסטו זיך עפּעס דערמאָנט אָן קליינעם אונטער-געסל?

– גלאַט אַזוי.

טייל מאָל האָט זיך אַ זון דערמאָנט אָן טאַטע-מאַמע און שפּעט אין אָוונט פּלוצעם אומגעריכט אַרײַנגעפֿאַלן אין קיטשן אַרײַן.

– גיב נאָר אַ קוק ווער עס איז דאָ! נאָטע איז דאָך דאָ! אויף משיחן וואָלט איך זיך גיכער געריכט. וואָס מאַכט מען? וואָס מאַכט דאָס ווײַב און די קינדערלעך?

– אָל-רײַט.

– אפֿשר וועסטו טרינקען אַ גלעזעלע רויטן בוריקעס-באָרשט? האָסט דאָך דאָס שטענדיק אַזוי גערן געהאַט. דער מאַמעס אַ גלעזל באָרשט.

– און דו, טאַטע, אַרבעטסט נאָך אַלץ אין ברוקלינער שאָפּ?

– וואָס זאָל מען טאָן? מען מוז דאָך מאַכן אַ לעבן.

– ער האָט שוין טאַקע קיין כּוח ניט. בײַ נאַכט קרעכצט ער אַ גאַנצע נאַכט אויף די זײַטן – דערציילט די מאַמע.

– נו, מאַמע, זאָרג דיך ניט, ווי וויל מייק אַריינדזשמענטס. איבערעדן מיט אַנשל. אויף די אַלטע יאָרן וועסטו ניט דאַרפֿן אַרבעטן.

דער קליינער שמעון האָט געשמייכלט – דאָס זעלבע גוטע בלייכע שמייכעלע, וואָס עס האָט יעצט געשוועבט אויף זײַנע ליפּן, ווען מען האָט אים אין דער ערד אַרײַנגעלייגט.

און עס איז דורכגעגאַנגען ווידער אַ האַלב יאָר, און מען האָט קיין קינד אין די אויגן ניט אָנגעזען. געוווינט האָט מען ווײַט איינס פֿון אַנדערן. און האָט מען זיך געקליבן צופֿאָרן זען אַן אייניקל, האָבן די אַלטע פֿאַרבלאָנדזשעט אין וועג.

– אַ, שוין וואַרטן אויף פסח, חול המועד וועלן מיר צוגיין זען די אייניקלעך.

און ווידער אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט זיך אַ זון אַרײַנגעכאַפּט:

– נו, טאַטע, דו אַרבעטסט נאָך אין שאָפּ?

– וואָס זאָל מען טאָן? מען מוז דאָך מאַכן אַ לעבן, דער מאַמען פרנסה געבן.

– זאָרג דיך ניט. ווי וויל מייק אַריינדזשמענטס....

און באַלד ווידער פֿאַרגעסן געוואָרן, ביז די קינדער האָבן געהערט, אַז דער טאַטע איז געשטאָרבן.

זײַן טויט איז געווען שטיל אַזוי ווי זײַן לעבן, פֿאַרגעסן. נאָך זײַן לוויה איז נאָכגעפֿאָרן איין וואָגן, די אַלמנה מיט די צוויי קינדער און די צוויי שניר, און זיי האָבן דעם טאַטן מיטגעגעבן די שליחות אויף יענער וועלט, דערפֿאַר וועלן זיי מאַכן „אַריינדזשמענטס" פֿאַר דער מאַמען.

די אַלטע נעכע איז געשטאַנען בײַם קבֿר, זי האָט געוויינט, קיין שליחות, אַז ער זאָל זיך לויפֿן און מיִען פֿאַר איר, האָט זי אים אויך ניט באַפֿוילן. זי איז געשטאַנען אַ שטומע די גאַנצע צײַט און געזען ווי די צוויי גויִים שיטן צו איר קליינעם שמעון. נאָר נאָך דעם ווי מען האָט שוין איבער דעם קליינעם שמעון אַלע אָפּגעזאָגט, אַלעס וואָס איז אים געקומען לויט דעם דין, האָבן זיך אַלע אויפֿגעהויבן אַוועקצוגיין, און זי איז שטיין געבליבן בײַם קבֿר און אויסגעשטרעקט די הענט, און די קינדער האָבן זי אַוועקגענומען בײַ די אָרעמס און געזאָגט צו איר: קום, מאַמע! האָט זי זיך נאַיִוו אַרומגעקוקט מיט אירע אויסגעלאָשענע אויגן, וועלכע האָבן דעם גלאַנץ געהאַט ווי די אויגן פֿון אַ שטומע בהמה, און געפֿרעגט:

– ווו?

האָבן זי די צוויי זין אַוועקגעפֿירט פֿון קבֿר און געזאָגט צו איר:

– זאָרג דיך ניט, מאַמע, „ווי וויל מייק אַריינדזשמענטס."

פֿון קבֿר האָבן זיך ביידע זין געריסן איבער דער מאַמען. יעדער איינער האָט געוואָלט, אַז די מאַמע זאָל זיצן בײַ אים שבֿעה. געבליבן איז זי בײַם עלטערן, בײַ נאָטען, וועלכער איז געווען אַ סיילסמען, און האָט געהאַט איין קינד און איז געווען בעסער אָפּ פֿון אַנשלען. נאָך די ערשטע אַכט טעג איז די מאַמע געקומען צו גאַסט צום צווייטן זון. אַזוי האָט זי זיך אַ פּאָר וואָכן אַרומגעוואַלגערט פֿון איין זון צום אַנדערן, ביז מען איז זי געגאַנגען אַרײַנגעבן אין אַן אַנשטאַלט פֿאַר אַלטע לײַט. נאָר איידער די קינדער האָבן געמאַכט אַריינדזשמענטס די מוטער צו באַזאָרגן אין אַן אַנשטאַלט, איז זי שטילערהייט אַוועקגעגאַנגען צו איר מאַן.

אַ קבֿר אין שכנות בײַ איר מאַן איז שוין ניט געווען. שוין געווען פֿאַרנומען. און איבערהויפּט איז דער טייל סעמעטערי, וווּ דער מאַן איז געלעגן, געווען צו טײַער פֿאַר אַ ייִדענע...האָט מען זי באַגראָבן אויף אַ נײַעם טייל סעמעטערי, וווּ ס'איז געווען ווײַט פֿון שטאָט און עס האָט געקאָסט ביליג אַ קבֿר. זענען דאָס אַלטע פּאָר געלעגן צוטיילט נאָכן לעבן: ער איז געלעגן צווישן פֿרעמדע ייִדן אויף איין טייל סעמעטערי און זי איז געלעגן צווישן פֿרעמדע ווײַבער אויף אַן אַנדער טייל סעמעטערי.

פֿאַרגעסן זענען די אַלטע געווען בײַ זייער לעבן און פֿאַרגעסן זענען זיי געוואָרן בײַ זייער טויט. זייערע קבֿרים זענען באַלד פֿאַרטראָגן געוואָרן צווישן ים „פֿאַרגעסענע" ווי זיי זענען און זיי האָבן קיינעם ניט געהאַט , נאָר דאָס שטיקל הימל איבער זיך, און דאָס קליינע בערגל ערד וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט אויף זיך.

אָבער מער האָבן זיי ניט באַדאַרפֿט. אין ווינטער זענען די קבֿרים געוואָרן צוגעדעקט מיט אַ דעק פֿון שניי און זענען אָפּגעווישט געוואָרן פֿון דער ערד, אָבער ווען דער ליבער זומער איז געקומען און די זון האָט אויפֿגעדעקט די אויבערפֿלעכע פֿון דער ערד פֿון שניי-דעקע, זענען די צוויי קבֿרים אויך אַנטפּלעקט געוואָרן. דער ווינט האָט געבראַכט אויף זייערע בערגלעך זוימען-שטויב פֿון בלומען און גרינסן, וועלכע ער האָט אַראָפּגעגנבֿעט פֿון די רײַכע קבֿרים און אײַנגעפֿלאַנצט אין די בערגלעך פֿון די אָרעמע. בײַטאָג האָט די זון צעוואַרעמט, צעהיצט און אַנטבליט די שטויבלעך בלײַעכץ, און בײַנאַכט האָט דער רעגן זיי טיף אין דער ערד פֿאַרפֿלאַנצט, און דער

טוי, פֿרי און שפּעט, האָט זיי באַוואַסערט. און איבער דעם קבֿר פֿון קליינעם שמעון מיט זײַן ווײַב נעכע, כאָטש צעשייט און צעוואָרפֿן אויף צוויי באַזונדערע פֿעלדער, האָבן געבליט מיט געלע פֿעלד-בלומעלעך בלויע וואַסער-ליליִען, מיט ווײַסע האָניק-קעפּלעך, מיט יאַסמין און מיט בלויע אויגעלעך. די קבֿרים זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטילע בליִענדע גערטנער, וועלכע קיין אויג האָט ניט באַמערקט נאָר זענען באַוואַכט און אָפּגעהיט געוואָרן פֿון די שטילע באַהאַלטענע האַנט פֿון דער נאַטור.

טייל מאָל האָבן זיך די ברידער, נאָטע און אַנשל, צופֿעליק באַגעגנט אין אַ געפּאַקטע קאַר פֿאָרנדיק פֿון דער אַרבעט, אָדער אין אַ האָל פֿון אַ מיטינג.

– האַלאָ, נאָטע!

– האַלאָ, אַנשל!

– מען דאַרף אַ מאָל אַרויסגיין צו די אַלטע אויף דער סעמעטערי זען וואָס זיי מאַכן! האָט איין ברודער געזאָגט.

– מען דאַרף, איי עם רעדי. נעקסטן זונטיק איבער אַ וואָך, מירן זיך טרעפֿן בײַ ברוקלין ברידזש צוועלף בײַטאָג. ווילסט? האָט דער צווייטער געזאָגט.

– אָל-רײַט, פֿון נעקסטן זונטיק איבער אַ וואָך, געדענק.

די ברידער האָבן געוווּסט, אַז זיי וועלן זיך ניט טרעפֿן און זיי זענען ניט געגאַנגען אויך, געווען נייטיקערע זאַכן. אַזוי זענען דורכגעגאַנגען יאָרן און טאַטע-מאַמעס קבֿרים זענען געווען באַהאַלטן פֿון יעדן לעבעדיקן אויג, און געבליט זיך אין דער שטיל – שטילע גערטנער...

אַ מאָל, אַ מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז איינער פֿון די ברידער האָט זיך פֿאַרוואַנדערט אויף דעם בית-עולם מיט דער לויה פֿון אַ סאָסײַעטי-מאַן (האָט געדאַרפֿט שטראָף באַצאָלן, ווען ער וואָלט ניט געקומען), האָט ער זיך דערמאָנט אין טאַטנס קבֿר. זומער איז עס געווען, איז ער עס געגאַנגען אויסזוכן, לאַנג, לאַנג האָט ער געזוכט צווישן די פֿאַרוואַקסענע גרעזער דעם טאַטנס קליינע מצבֿה. אַז ער

האָט עס געפֿונען איז ער שטיין געבליבן אַ דערשראָקענער און אַ פֿאַרוווּנדערטער: וועלכע געהיימע האַנט האָט פֿאַרפֿלאַנצט אין דער שטיל דעם גאָרטן אויפֿן פֿאָטערס קבֿר?

און ער האָט ניט געוווּסט אַז דער שטילער ווינט און די גוטע מאַמע ערד האָבן אַפֿילו אין דעם קלײנעם שנײַדערל ניט פֿאַרגעסן.

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון משה פֿעלער, נח מילער, לעאָנאַרד פּראַגער
רפֿאל פֿינקל און אבֿרהם ברוך בערקאָוויץ

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved